**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/2/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט 4.2 מיליאן דאלאר צו שטיצן לאנג איילענד’ס ים קולטור אינדוסטריע**

***3 מיליאן דאלאר געשאנקען פאר 14 פראיעקטן דורכאויס רונדע 2 פון די לאנג איילענד ים קולטור אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם שענקונגען***

גאווערנער האקול האט היינט געמאלדן אז 3 מיליאן דאלאר איז געשאנקען געווארן פאר 14 קליינע ביזנעסער צו שטיצן לאנג איילענד'ס ים קולטור אינדוסטריע דורכאויס רונדע 2 פון די לאנג איילענד ים קולטור אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם. די געלט וועט העלפן די פראדוצירער מאכן אפגרעידס צו איפראסטרוקטור, איינגלידן אפעראציעס און הייבן פראדוקציע. די פראגראם, וועלכע האט געגעבן א סך הכל פון 4.2 מיליאן דאלאר פאר ניו יארק'ס ים קולטור אינדוסטריע דורכאויס צוויי רונדעס, איז א טייל פון די סטעיט'ס בלויע עסן טראנספארמאציע (Blue Food Transformation) איניציאטיוו, ערשט געמאלדן אין גאווערנער Kathy Hochul'ס (קעיטי האקול) 2024 סטעיט אוו די סטעיט. די היינטיגע מעלדונג קומט גלייך נאך גאווערנער Hochul’s (האקול'ס) פארלאנג פאר א פאראייניגטע שטאטן אפטיילונג פון אגריקולטור (United States Department of Agriculture, USDA) סעקרעטיריעל אומגליק באשטימונג פאר סופאלק קאונטי נאכפאלגנדיג די ערנסטע עקאנאמישע פארלוסטן פארמערס האבן דורכגעמאכט די פארגאנגענע ווינטער אין רעזולטאט פון ערנסטע אייזיגע צושטענדן.

"ניו יארק סטעיט איז א היים פאר א ווירבלידיגע, אייגנארטיגע אגריקולטור אינדוסטריע וועלכע שטעלט זיך נישט אפ ווען איר דערגרייכט די וואסער ברעג. לאנג איילענד'ס היסטארישע ים עסנווארג אינדוסטריע קען מען נישט פארגלייכן. עס העלפט שטארקן לאקאלע עסן סופליי נעצן, הייבט אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע, און האלט אן א לעגענדע פון אויסצייכענונג און דעדיקאציע פאר אינדוסטריע." **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו קעמפן אז די פראגראם זאל צושטעלן קריטישע אינפראסטרוקטור הילף פאר אונזער ים קולטור פארמער, פארזיכערנדיג אז זיי זאלן קענען פארזעצן צו בליען פאר לאנגע יארן."

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישאנער Richard A. Ball (ריטשארד א. באל) האט געזאגט,** "לאנג איילענד'ס רייכע, היסטארישע ים קולטור אינדוסטריע איז איינע פון די זאכן וועלכע מאכן אונזער אגריקולטור לאנדשאפט אזוי רייך, פארשידנארטיג און אייגנארטיג. מיר זענען שטאלץ צו טון אלעס וואס מיר קענען צו אפהיטן דעם געגנט'ס אנגייענדע וואסער פראנטן, און דאס פאנגט זיך אן מיט שטיצן די פראדוצירער וועלכע ארבעטן איבערמידליך צו אויפהאדעווען די באַ'טעמ'טע ים עסנווארג מיט וועלכע די געגנט איז באוואוסט. די געלט געשאנקען היינט וועט העלפן די ביזנעסער מאכן ערנסטע אינוועסטירונגען אין זייער אפעראציעס כדי זיי זאלן קענען ווייטער ברענגען די סאמע בעסטע ים עסנווארג וועלכע ניו יארק סטעיט האט אנצוטראגן פאר פאמיליעס לענגאויס די סטעיט. איך דאנק גאווארנער Hochul (האקול) און אונזערע שותפים ביי די פארם און עסן וואוקס פאנד פאר זייער שטיצע."

**פארם & עסן וואוקס פאנד פרעזידענט און CEO Todd M. Erling (טאד מ. ערלינג) האט געזאגט,** "הייבן די פראצעסירונג און פארשפרייטונג זייט פון די לאנג איילענד ים קולטור אינדוסטריע דורך די

פינאנצירונג פון אינפראסטרוקטור פראיעקטן וועט ווייטער הייבן ווירטשאפט פון און מארקעט צוטריט פאר ניו יארק'ס איסגעצייכנטע ים עסנווארג. אין צוזאמענהענג מיט די פריערדיגע רונדע פון פינאנצירונג פאר געצייג, די פיל-זייטיגע בלויע עסן טראנספארמאציע איניציאטיוו און דער גאווערנער'ס לעצטיגע פארלאנג פאר אומגליק הילף, וועט די היסטארישע וויכטיגע טייל פון די סטעיט'ס אגרי-ביזנעס סעקטאר באקומען די הילף וועלכע עס קומט זיך זיי צו באשיצן און וואקסן איר האקעלע, אבער עקשנות'דיגע עקאנאמיע."

די לאנג איילענד ים קולטור אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם ווערט אנגעפירט פאר די ניו יארק אפטיילונג פון אגריקולטור און מארקעט דורך די פארם און עסנווארג וואוקס פאנד. די אינפראסטרוקטור גרענטס הײנט געמאלדן טוען פינאנצירן אינפראסטרוקטור פראיעקטן, ארײנגערעכנט אויפבוי, איבערמאכן, אדער ארײנליגן געביידעס, דאקס, געצייג, אדער אייביגע אדער צייטווייליגע פאסיליטעטן צו העלפן ים קולטור ביזנעסער אפערירן אין לאנג איילענד.

די ליסטע פון די ערהאלטער איז ווי פאלגנד:

- WROC, LLC
- Hampton Oyster Company
- Davy Jones Landing
- Oysterponds Shellfish LLC
- Lucky 13 Oysters
- East Hampton Oyster Company
- Scrimshaw Enterprises LLC
- .Hart Lobster, Co
- Thatch Island
- .Peconic Gold Oysters Inc
- North Fork Big Oyster Corp
- Jeffrey M. Kraus
- Dune Fishery LLC
- .Cornelius & Little Ram Oyster Company LLC

פינאנצירונג געשאנקען דורכאויס די ערשטע רונדע פון די פראגראם, וועלכע איז געווען געווידמעט צו קויפן אדער אפגרעיד'ן געצייג, איז געמאלדן געווארן אין אקטאבער ביי א ספעציעלע אווענט וועלכע איז פארגעקומען דורך קאמישאנער Ball (באל) און די פארם און עסנווארג וואוקס פאנד ביי Hampton Oyster Company אין ניו סאפאלק. די ערשטע רונדע האט געשאנקען 1.2 מיליאן דאלאר פאר 17 ביזנעסער אין לאנג איילענד.

אין אנפאנג אפריל, האט גאווערנער Hochul (האקול) פארלאנגט א פאראייניגטע שטאטן אפטיילונג פון אגריקולטור (USDA) סעקרעטעריעל אומגליק באשטימונג פאר סופאלק קאונטי. נאכפאלגנדיג שווערע שניי שטורעמס און מערערע-וואכן פרירונג צושטענדן אין פעברואר 2026, האבן די קאונטי'ס ים קולטור איופהאדעווער אפעראציעס זיך געספראוועט מיט א געשאצטע סך הכך 2.4 מיליאן דאלאר פארלוסט אין פראדוקציע. אין צוגאב, האט ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס קאמישאנער Richard A. Ball (ריטשארד א. באל) און דעפארטמענט פון אינווייראנמענטאלע קאנסערוועישאן קאמישאנער Amanda Lefton(אמאנדא לעפטאן) באזוכט צענדליגע ים עסנווארג פראדוצירער צו זען די שאדן וואס זיי האבן געליטן פון די עקסטרעמע וועטער. אן אומגליק באשטימונג וואלט ערלויבט אפעקטירטע פארמער זיך איינצוגעבן פאר USDA נידריגע-אינטערעסט עמערדזשענסי לאונס.

**לאנג איילענד פארם ביורא הויפט דירעקטאר Bill Zalakar (ביל זעלעקער) האט געזאגט,** "לאנג איילענד'ס ים קולטור אינדוסטריע איז איינע פון די שנעלסטע-וואקסענדע סעקטארן פון אגריקולטור אין די געגנט. פונדעסטוועגן, צוזאמען מיט אלע פראבלעמען וועלכע טוען ווייטער אפעקטירן אונזערע פארמער, האט די עקסטעמע וועטער פון די פארגאנגענע ווינטער גהאט אן ערנסטע ווירקונג אויף אונזערע ים קולטור פארמער. מיר זענען זייער דאנקבאר פאר קאמישאנערן Ball (באל) און Lefton (לעפטאן) פאר'ן באזוכן אונזער ים קולטור פארמס און זען ערשטהאנטיג די שאדן אונזערע פארמער האבן געהאט. הילפסמיטלען געמאכט אוועילעבל דורך די לאנג איילענד אגריקולטור אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם, צוזאמען מיט די עמערדזשענסי אומגליק באשטימונג פון גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול), וועט צושטעלן קריטישע הילף צו העלפן פארמער צוריקערן זייער אפעראציעס און פארבעסערן לאנג-טערמיניגע שטאנדהאפטיגקייט. די באמיאונגען וועלן העלפן אונזערע פארמער זיך צוריק אויפשטעלן אויף זייער פיס און ווייטער בויען א שטערקערע, מער שטאנדהאפטיגע ים קולטור אינדוסטריע אין לאנג איילענד."

**ניו יארק'ס ים עסנווארג אינדוסטריע**

לאנג איילענד'ס שעל פיש ים קולטור אינדוסטריע פארטרעט א וויכטיגע טייל פון ניו יארק'ס אגריקולטור סעקטאר און קאוסטעל עקאנאמיע, וועלכע באשטייט הויפטזעכליך פון קליינע און פאמיליע-באזיצטע אפעראציעס וועלכע ביישטייערן צו ארטיגע ים עסנווארג פראדוקציע און ארבעט געלעגנהייטן. לויט די מערסט לעצטיגע USDA צענזוס פון אגריקולטור, איז די ים קולטור אינדוסטריע איבער 25 פראצענט פון פארמס אויף לאנג איילענד, מיט 155 אפעראציעס אין סופאלק קאונטי און 15 אין נאסאו קאנטי, צוזאמען האבן די צוויי קאונטיס געברענגט איבער 14.5 מיליאן דאלאר אין סעילס אין 2022.

**בלויע עסן טראנספארמאציע**

די בלויע עסן טראנספארמאציע איניציאטיוו איז געמאלדן געווארן אינעם גאווארנער'ס 2024 סטעיט אוו די סטעיט צו פארמערן באנוצער פארלאנג פאר לאקאלע עסן און פארשטערקערן די לאקאלע עסן סיסטעם. די אינוועסטירונגען בויען אויף די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו טרייבן פארלאנג פאר ניו יארק אגריקולטורישע פראדוקטן, שטיצן ניו יארק'ס עסן סופליי טשעין און פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו פרישע, לאקאלע עסנווארג.

די לאנג איילענד ים עסנווארג קאכן טרעיל, וועלכע האט זיך אנגעפאנגען אין מערץ 2025, איז אויך פינאנצירט געווארן דורך דער גאווערנער'ס בלויע עסן טראנספארמאציע איניציאטיוו. די סאוט שאר טרעיל לויפט פון בעי שאר ביז מאנטאוק, און די נארט שאר טרעיל, וועלכע האט זיך לעצטנס געעפנט, לויפט פון איסטער בעי ביז גרינפארט. די טרעיל און איז געמאכט צו ברענגען ביזנעס און טוריזם צו לאקאציעס וואס סערווירן און פארקויפן שטאלצערהייט לאקאל געהאדעוועטע און ווילדערניש-געכאפטע, דויערהאפטיג געפאנגענע פיש און שעלפיש בשעת'ן שטיצן לאנג איילענד'ס ים עסנווארג אינדוסטריע. באזוכער ווערן געמוטיגט צו דאונלאוד'ן די טרעיל עפפ און נאכצופאלגן די טרעיל פאר לאקאציעס וואס זענען באוואוסט צו אנערקענען און פייערן די פילע גוטס פון לאנג איילענד'ס וואסערן בשעת'ן שטיצן ביזנעס און שטיצן לאקאלע פישעריי קאמיוניטיס. באזוכט די ים עסנווארג טרעיל בלאט אויף די לאקאלע פיש וועבזייטל פאר מער אינפארמאציע.

**פארם און עסן וואוקס פאנד**

די מיסיע פון די פארם און עסנווארג וואוקס פאנד (Farm and Food Growth Fund) איז צו ברענגען דשאבס און פארזיכערטע עפארדעבל האוזינג, קאפיטאל צוטריט געלעגנהייטן פאר מענטשן, פאמיליעס און קאמיוניטיס מיט נידריגע און מעסיגע איינקונפט מיט א געוויכט אויף פארם און עסנווארג-פארבינדעטע אינדוסטריעס וועלכע געפונען זיך אין די צפון-מזרח עסנווארג-פראדוצירונג געגנט (Northeast Foodshed) וואס נעמט אריין חלקים פון די גרעיטער האדסאן וואלי, מערב קאנעטיקוט,

מערב מעסעשוסעטס, דרום ווערמאנט און מזרח פענסעלוועניע, דורך שטיצן עקאנאמישע לעבהאפט מיט טעכנישע הילף סערוויסעס, קאמיוניטי אנטוויקלונג און פארמערן די פלוס פון קאפיטאל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן